**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 2/10/2022 **גאווערנאר קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט פארענדיגונג פון בראוד-טשענעל באפעסטיגונג פראיעקט**

***ניו יארק סטעיט פירט דעם וועג אויף זיך צופאסן לצו אונזער ענדערנדע קלימאט אאאין קווינס***

***גרייטקייט מאסנאמען איצט אין פלאץ צו האלטן עלעקטריציטעט אנגעצינדן ביי קריטישע זיכערע לאקאציעס אין משך פון און נאך א הויפט שטורעם***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געמאלדן דער פארענדיגונג פון 5.5 מיליאן דאלער אין באפעסטיגונג אפגרעידס אין בראוד-טשענעל, א נידעריגע אינזל אין דזשעמעיקע בעי. ליוטענאנט גאווערנער ברייען בענדזשאמין האט זיך פאראייניגט מיט דער גאווערנער אפיס פון שטורעם ערהוילונג (GOSR) עקזעקיוטיוו דירעקטאר קעיטי ברענען, קווינס בארא פרעזידענט דאנאוון ריטשערדס, ווי אויך אנדערע קאמיוניטי פירער און ערוועהלטע באאמטע אין לויף פון דער היינטיגער באנייאונגס צערעמאניע און זיך געפרייט מיט'ן ענדיגן דעם מולטי-יעריגע אינוועסטירונג. דער גאווערנער'ס אפיס פון שטורעם ערהוילונג פראיעקט אנטהאלט גרויסע פארבעסערונגען צו מאכן דעם בראוד-טשענעל אמעריקאנע לעגיאן זאל שטעלע 1404 און בראוד-טשענעל אטלעטישע קלוב, צוויי קריטיש וויכטיגע קאמיוניטי צענטערס וואס העלפן אין ערהוילונג באמיאונגען נאך סופערסטאָרם 'סענדי', בעסער פעאיג איבערצוקומען צוקונפטיגע שטורעמס און עמערדזשענסי פאסירונגען.

"נאכאמאל און נאכאמאל איז ניו יארק אנגעקלאפט געווארן מיט די ערגסטע תוצאות פון קלימאט ענדערונג," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "מיר זענען אנטשלאסן זיך צו צופאסן און פאראהארטעווען אונזער סטעיט'ס אינפראסטרוקטור זיך צו גרייט מאכן פאר וואס דער מוטער נאטור וועט אויף אונז אנווארפן. מיט דער פארענדיגונג פון דעם בראוד-טשענעל באפעסטיגונג פראיעקט, סאוט קווינס און דער געגנט'ס העכסט-נויטיגע קאמיוניטי צענטערס וועלן זיין מער אפגעהיטן און בעסער פעאיג צוצושטעלן די סערוויסעס וואס ניו יארקער דארפן ווען א קאטאסטראפע וועט אנשטויסן."

**ליוטענאנט גאווערנער ברייען בענדזשאמין האט געזאגט,** "עס פריידט מיט צו קענען היינט אנטיילנעמען אין דעם באנייאונגס צערעמאניע אויף דעם בראוד-טשענעל באפעסטיגונג פראיעקט, א שפיץ פון אזוי פיל שטאט, סטעיט און פעדעראלע צוזאמארבעטער וואס קומען זיך צונויף צו אדרעסירן די חורבנות וואס 'סענדי' האט אמאל אנגעשמיסן אויף ניו יארקער. קלימאט ענדערונג איז דא, און איינע פון אונזערע מערסט חורבנות-ברענגנדע תוצאות איז דער עפעקט פון שטייגנדע שטורעמס אויף געגנטער ווי בראוד-טשענעל. מיט דער דאזיגער 5.5 מיליאן דאלערדיגע אינוועסטירונג, קען דער סטעיט בעסער פארזיכערן די באשיצונג פון קריטיש-וויכטיגע קאמיוניטי ארגאניזאציעס, אריינגערעכנט דער בראוד-טשענעל אטלעטישע קלוב און אמעריקאנע לעגיאן זאל."

בראוד-טשענעל, דער איינציגער באוואוינטער אינזל אין דזשעמעיקע בעי, איז אויסגעשטעלט אויף פארפלייצונג און איז געווען איינע פון די שווערסטע אפעקטירטע דורך סופערסטאָרם 'סענדי'. די קאמיוניטי האט מיטגעמאכט לעבנס-פארלוסטן, האָוזינג און אינפראסטרוקטור. בריקן וועלכע באהעפטן

בראוד-טשענעל צו די הויפט-לאנד שטח פון קווינס זענען פארשלאסן געווארן, וועלכס האט איבערגעלאזט פילע איינוואוינער געשטראנדעט אויף דעם אינזל אזוי ווי עס איז ארומגענומען געווארן דורך שטורעם אנפלייץ ביז זעקס פוס הויך און דורך פלייצונג פון הינטן פון ראַקעווער אינלעט. דורכאויס דעם שטורעם, דער אמעריקאנע לעגיאן זאל און אטלעטישע קלוב האט געדינט אלס קריטיש וויכטיגע צוזאמקונפט פונקטן פאר איינוואוינער ארויסצוהעלפן איינער דעם אנדערן און אויסטיילן עסנווארג און סופלייס — טראץ שאדנס אנגעברענגט אויף די איינריכטונגען.

**עקזעקיוטיוו דירעקטאר פון GOSR קעיטי ברענען האט געזאגט,** ״אונזער קלימאט ענדערט זיך, און גרויסע שטורעמעס זענען אפטער, אזוי ווי מיר זענען דערמאנט געווארן פריער דעם הערבסט ווען ׳איידע׳ האט אנגעברענגט חורבנות אין קווינס און לענגאויס ניו יארק. דורך אונזער קאמיוניטי-געפירטן גרעס-רוטס פראצעס, טוט GOSR העלפן צו פארזיכערן אז די העכסט-נויטיגע קאמיוניטי צענטערס בלייבן די זיכערע ערטער אויף וועלכע בראוד-טשענעל איינוואוינער זענען אפהענגיג, און אז זיי קענען צושטעלן קריטיש-וויכטיגע רעסאָרסן און ערהוילונג הילף אין פאל פון דעם נעקסטן שטורעם.״

הויפט טיילן פון GOSR׳ס פעסטקייט אינוועסטירונג אנטהאלט:

- אינסטאלאציע פון קביעות׳דיגע בעק-אַפּ עלעקטרישע קראפט דזשענערעיטערס וועלכע זענען געהויבן געווארן העכער פלייצונג שטאפל בייביידע איינריכטונגען. די דזשענערעיטערס וועלן אויטאמאטיש אנהויבן פונקציאנירן ווען נויטיג און זענען אויסגעשטאט געווארן מיט פלייצונג אויסלופטערונג און ארויסרין דערשפירן.
- קאנסטרוקציע אויף א נייע געביידע ביי דעם אטלעטישן קלוב מיט זיצונג ארט, סטאָרעדזש קאפאציטעט, און עלעקטרישע אויסריכטונגען צו ערמעגליכן דער איינריכטונג צוצושטעלן אפגלופטיגע פארלייכטערונג סערוויסעס.
- אינסטאלאציע פון פלייצונג-קעגנשטעליגע טירן ביי דעם לעגיאן זאל ווי אויך געהויבענע מעכאנישע און עלעקטרישע סיסטעמען צו העלפן אויסמיידן אויסלעשונגען אין לויף פון פלייצונג אינצידענטן.
- אפגרעידס צו דער הייצונג, אויסלופטערונג, און עיר קאנדישען סיסטעם ביי דעם לעגיאן זאל כדי אז דער איינריכטונג קען דינען אלס א הייצונג / קילונג צענטער פאר דער קאמיוניטי אין משך פון עקסטרעמע וועטער אומשטענדן.

דער פראיעקט פארענדיגט אין צוזאמענארבעט מיט דער דארמיטארי אויטאריטעט פון דעם סטעיט ניו יארק (DASNY).

**DASNY פרעזידענט און CEO רובען אר. מעקדעניעל, דער דריטער, האט געזאגט,** ״מיר זענען שטאלץ צו ארבעטן אינאיינעם מיט GOSR אויף דעם בראוד-טשענעל פראיעקט, ווי אויך די ארום דעם סטעיט, וועלכע זענען קריטיש-וויכטיג באשיצן און איבערבויען ערטער באטראפן דורך שווערע וועטער. מיר זענען דאנקבאר צו גאווערנער האקול פאר איר אנגייענדע שטיצע פון דעם וויכטיגן איניציאטיוו און איר איבערגעגעבנקייט צו פארשטערקערן קאמיוניטיס לענגאויס גאנץ ניו יארק.״

**סענאטאר טשאַק שומער האט געזאגט,** ״א צענדליג יארן נאך איינע פון די ערגסטע שטורעמעס אין אונזערע סטעיט׳ס היסטאריע, האריקעין ׳סענדי׳, דער פארענדיגונג פון דעם בראוד-טשענעל באפעסטיגונג פראיעקט פארזיכערט דער קאמיוניטי איז שטערקער זיך קעגנשטעלן צוקונפטיגע שטורעמעס און פלייצונגען,״ האט געזאגט סענאט מאיאריטעט פירער טשארלס אי. שומער. ״מיר מוזן ווייטער מאכן דרייסטע אינוועסטירונגען אין באפעסטיגונג כדי אז אונזערע קאמיוניטיס קענען איבערקומען די געשטיגענע מאכטפולע שטורעמעס וואס שטויסן אן אין אונזער סטעיט, געטריבן דורך דעם ענדערנדן

קלימאט. איך שטאלציר מיך צו ארבעטן נאענט מיט גאווערנער האקול און מעיאר אדאמס אזוי ווי מיר שטרעבן צוריקצובויען א שטערקערע, מער באפעסטיגטע ניו יארק.״

**קאנגרעסמאן גרעגארי מיקס האט געזאגט,** ״ניו יארק סיטי טוט ווייטער מיטמאכן שווערע וועטער פארקומענישן וואס טוען שווער באטרעפן ערטער ווי דזשעמעיקע בעי. איך אפלאדיר גאווערנער האקול פאר דער פארענדיגונג פון דעם GOSR פראיעקט, וועלכס וועט העלפן דזשעמעיקע בעי בעסער זיך קעגנשטעלן צוקונפטיגע שטורעמעס. איך ארבעט ווייטער מיט מיינע קאלעגעס אויף דער פעדעראלער שטאפל צו פארזיכערן דער פינאנצירונג פון פרעזידענט ביידען׳ס בייפארטיזען אינפראסטרוקטור ביל גייט צו ערטער ווי דזשעמעיקע בעי אויף פארצוזעצן באפעסטיגונג באמיאונגען.״

**סטעיט סענאטאר דזשאסעף אדאבא דזשר. האט געזאגט,** ״דער באנייאונגס צערעמאניע איז א סיבה פאר זיך פרייען דא אין בראוד-טשענעל. די קאמיוניטי איז שווער באטראפן געווארן דורך הארריקעין ׳סענדי׳, און צו איצט קענען זאגן אז מיר האבן מער באפעסטיגונג מאסנאמען אין פלאץ מיינט זיי וועלן זיין בעסער אפגעהיטן פון צוקונפטיגע שטורעמעס. איך וויל דאנקען דער בראוד-טשענעל קאמיוניטי פאר זיך האלטן פעסט אין איינפירן די מאסנאמען אויפ׳ן פלאץ, און גאווערנער האקול און אלע רעגירונג אגענטורן וועלכע האבן געארבעט צו פאראויס-פירן דעם פראיעקט. איך קוק ארויס אויף ווייטער צו ארבעטן דא אין בראוד-טשענעל צו ברענגען נאך באפעסטיגונג מאסנאמען צו האלטן אפגעהיטן דער קאמיוניטי און אירע איינוואוינער.״

**אסעמבלי-מיטגליד סטעיסי פעפער-אמאטא האט געזאגט,** ״סופּערסטאָרם ׳סענדי׳ האט אפגעווישט אונזער קאמיוניטי. עס איז געווען א לאנגן וועג צו ערהוילונג, אבער מיטלען א פאראייניגטע פראנט און געארבעט אינאיינעם צו דערגרייכן דעם אויפטו. מיר זענען דאנקבאר פאר גאווערנער האקול׳ס פארברענטע שטיצע פאר שטורעם ערהוילונג און מיר ווייסן אז דער גאווערנער׳ס אפיס פון שטורעם ערהוילונג וועט פארזעצן ווייטער צו ארבעטן מיט די פעסט-האלטנדע לייט פון בראוד-טשענעל און אלע אנדערע קאמיוניטיס אפעקטירט דורך די דראמאטישע שטורעמעס.״

**קווינס בארא פרעזידענט דאנאוון ריטשערדס דזשר. האט געזאגט,** ״פון סופּערסטאָרם ׳סענדי׳ צו הארריקעין ׳איידע׳, איז קווינס צו שטארק באקאנט מיט די איבערקערנדע אימפאקטן וואס קלימאט ענדערונג קען האבן אויף אונזערע אומבאשיצטע קאמיוניטיס ווי בראוד-טשענעל. קווינס ווייסט אויך די קריטיש-וויכטיגקייט פון אזעלכע באפעסטיגונג אונטערנעמונגען אויף צו באשיצן קעגן שטייגונג פון ים-שטאפל פון צוקונפטיגע שטורעמעס. דורך פארזיכערן אז דעם בראוד-טשענעל אמעריקאנער לעגיאן זאל פאסט 1404 און בראוד-טשענעל אטלעטישע קלוב, צוויי קריטיש-וויכטיגע צענטערס פון דעם סאָוט קווינס קאמיוניטי, זענען מער קעגנשטעליג צו פלייצונג, נעמט דער רעגירונג א פראאקטיווע צוגאנג צו שטיצן און באפולמעכטיגן בראוד-טשענעל פאמיליעס אויב און ווען נאך א גרויסע שטורעם וועט זיך אנשטויסן. א דאנק דער גאווערנער׳ס אפיס פון שטורעם ערהוילונג פאר אירע באמיאונגען דא אין דער וועלט׳ס בארא.״

**קאונסיל מיטגליד דזשאען אריאלע האט געזאגט,** ״קאנגראטולאציעס צו דער בראוד-טשענעל פלאנירונג קאמיטע און דער בראוד-טשענעל ציוויק אויף א גוט-אויסגעפירטער דזשאב!״

## איבער GOSR

GOSR, אוועקגעשטעלט אין יוני 2013, קאארדינירט גאנץ-סטעיט׳יגע ערהוילונג אונטערנעמונגען פאר סופערסטארם ׳סענדי׳, הארריקעין ׳איירין׳, און טראפישע שטורעם ׳לי׳. דורך איר ׳NY רייזינג׳ האוזינג ערהוילונג, קלענערע ביזנעס, קאמיוניטי איבערבויען, אינפראסטרוקטור, און איבערבויען דורך פלאנירונג פראגראמען, טוהט GOSR אינוועסטירן 4.6 ביליאן דאלער אין פעדעראלע קאמיוניטי אנטוויקלונג בלאק גרענט-דיזעסטער ערהוילונג פאָנדינג צו בעסער צוגרייטן ניו יארק פאר עקסטרעמע וועטער פאסירונגען.

מער אינפארמאציע איבער GOSR און אירע פראגראמען אז צו באקומען ביי http://stormrecovery.ny.gov/.

דורך דער NY רייזינג׳ קאמיוניטי איבערבוי (NYRCR) און אינפראסטרוקטור פראגראמען נעמט אן דער סטעיט פארשידענע סארטן איניציאטיוון אנטוויקלט אין לויף פון איר פון-אונטן-ארויף קאמיוניטי פלאנירונג פראצעס צו פארבעסערן באפעסטיגונג, באשיצן קריטיש-וויכטיגע אינפראסטרוקטור, לינדערן די ריזיקעס פון פארלוסט און שאדן פארבינדן מיט צוקונפטיגע דיזעסטערס און רעדוצירן שוועריגקייטן.

איצט אין דאס איינפירן שטאפל ארבעט GOSR מיט פארשידענע מוניציפאלע, קאונטי, און נאָנפראָפיט צוזאמענארבעטער צו ברענגען הונדערטער ארטיגע צוזאמענגעשטעלטע פארשלאגן צו דער ווירקליכקייט.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך אויסשרייבן